הלימוד היומי בספרי חסידות

לשבוע הבעל״ט
ספה״ק **מאור עינים** (מקץ)

| יום | מד״ה |
|---|---|
| ראשון | את שבתותי תשמורו |
| שני | שבת במרה נצטוו |
| שלישי | שבת נקרא ברית |
| רביעי | וזוכה לדברים הרבה |
| חמישי | כדבריכם כן הוא וגו׳ עד ד״ה ולכן כתיב וירא |

איינצושרייבן צו באקומען דעם חודש׳ליכן קונטרס
ביי אייך אינדערהיים, רופט 848-243-1624

# יחידהל

אין אידיש
גליון שבועי לעילוי אור הנשמה ע״פ משנת הבעש״ט הק׳ ותלמידיו

פרשת פקודי-החודש תשפ״ה / גליון קכ״ט

0722 531 385

מערכת ״קול דודי״
א וועלט פון ליכטיגע חסיד׳ישע שמועסן
אין אמעריקע
605.313.6695
אין אייראפע
033.0551.7811
ספעציעל לייכט און דערהויבן
טעגליכער פארברענג
טאג טעגליך אין חודש ניסן
אויף ״היכל המרכזי״ אין נומער 1

## חסיד׳יש גערעדט

א חסידי׳שע דערהער פון די פרשה אויף למעשה

# שכינה במעשה ידיכם

### איך ארבעט טאקע פאר געלט, אבער דאס געלט ארבעט פארן אויבערשטן! דאס געלט וועט מיר ברענגען נענטער צום אויבערשטן! קומט אויס, איך ארבעט פארן אויבערשטן

ר׳ זאנוויל איז איינער פון די געלונגענסטע משולחים אויף דער וועלט. ער פארט ארום איבער דער וועלט און שאפט צוזאם דורכאויס דאס יאר צענדליגער מיליאנען דאלער פאר מוסדות התורה, וואוילטעטיגע ארגאניזאציעס און פריוואטע נצרכים. עס איז נישט קיין ספק, אז ר׳ זאנוויל ציילט זיך צווישן די גרעסטע ׳מזכי הרבים׳ אין אונזער דור, און ר׳ זאנוויל אליינס ווייסט דאס אויך.

ווען ר׳ זאנוויל איז אריינגעקומען צום רבי׳ן מיט א בקשה, אז ער וויל אויפהערן צו טון אין דעם ענין פון שאפן געלט - איז דער רבי געווען שאקירט: ״וואס גייט פאר? דו ווייסט דאך גאנץ גוט וויפיל ארימע משפחות האבן נישט קיין ברויט און מילך אין שטוב - ביז דו שיקסט זיי אריין א פאָר דאלער וואס דו האסט געשאפט פאר זיי! דו ווייסט אויך גאנץ גוט, וויפיל בחורים האבן זיך געדרייט אין גאס, ביז דו ביסט געקומען און זיי מסדר געווען אין ישיבות אויף דיינע קאָסטן! מען רעדט דאך דא פון וועלטן אויף וועלטן, טויזנטער נשמות וועלכע לעבן און האלטן זיך אויף דיר, נו, פארוואס ווילסטו זיי אלע אראפווארפן פון דיר און זיי לאזן אויף הפקר? דער אויבערשטער האט דאך דיר געגעבן א מורא׳דיגע אויפגאבע - וועלכע ברענגט דיר אומגעהויערע זכותים יעדע מינוט - וואס ווייניג האבן אזא טייערע און וויכטיגע אויפגאבע! דו טארסט דאס נישט אפלאזן!״.

ר׳ זאנוויל גיסט זיך אויס דאס הארץ פארן רבי׳ן: ״יא רבי, איך ווייס אויך וויפיל איך טוה אלץ אויף. דער פראבלעם איז אבער, אז איך ווייס אויך וויפיל צייט גייט מיר אין מיסט! א טאג באשטייט פון פיר און צוואנציג שעה, און בלויז צוויי שעה דערפון באזוך איך ביי די עשירים און נעם ארויס געלט פון זיי. און די איבריגע צייט ווערט מיר צוואוואסערט מיט גארנישט! איך לויף ארום און איך קניפ אן פארבינדונגען מיט דעם עסקן און מיט דעם גבאי צדקה, דא דארף איך זיצן און פארברענגען מיט א ׳גביר על שם העתיד׳, און דא דארף איך גיין אויף א חתונה פון א ׳גביר על שם העבר׳ כדי צו ווייזן ׳הכרת הטוב׳... האב איך מיך געמאכט דעם חשבון, אז רוב פון מיין לעבן ווערט סתם ארויסגעווארפן אין מיסט - אן האבן גארנישט געטון פאר אידנ׳ס וועגן! דעריבער קלער איך, זיך אריינצוזעצן אין כולל און לאזן די דאזיגע זכיה פאר אנדערע אידן...״.

״מיין טייערער״, לייגט דער רבי ארויף זיין האנט אויף זאנוויל׳ס פלייצע, ״דו קענסט זיין רואיג, ווייל איך זאג עס דיר מיטן פולסטן אחריות: קיין איין מינוט דיינע - פון די אלע זאכן וואס דו האסט אויסגערעכנט - איז נישט ארויסגעווארפן צייט! דו מיינסט, אז בלויז אין די צוויי שעה - וואס דו באזוכסט ביי די עשירים און נעמסט געלט פאר אידן - ביסטו אן ׳עוסק במצוה׳? דו האסט א גרויסן טעות! פון דער מינוט וואס דו גייסט ארויס פון שטוב - אויפצוטון פאר אידן - ביז ווען דו קומסט צוריק אהיים, איז אלעס איין גרויסע מצוה!״.

אלע הונדערט פראצענט הייליג פארן אויבערשטן! די גאנצע הונדערט פראצענט צוזאמען, שאפן די ׳השראת השכינה׳. דאס הייסט, די איינע ווייצל תרומה, טוט נישט סתם פטר׳ן דעם גאנצן הויפן - נאר אט די ווייצל ברענגט אראפ די קדושה אויפן גאנצן הויפן!

דער ׳תפארת שלמה׳ לייגט אבער צו איין תנאי: ״וְזֶהוּ ׳שֶׁתִּשְׁרֶה שְׁכִינָה בְּמַעֲשֵׂה יְדֵיכֶם׳, רוֹצֶה לוֹמַר, כָּל מַעֲשֵׂה יְדֵיכֶם בַּבַּיִת וּבַחוּץ בְּמַשָּׂא וּמַתָּן, תְּכַוְּנוּ הַכֹּל לַשָּׁמַיִם לְצֹרֶךְ גָּבוֹהַּ, לִצְדָקָה וּלְהוֹצָאוֹת בָּנָיו לְתַלְמוּד תּוֹרָה וְכַדּוֹמֶה, שֶׁיִּהְיֶה זֶה מָקוֹם לְהַשְׁרָאַת שְׁכִינָה בְּמַעֲשֵׂה יְדֵיכֶם וּלְבָרֵךְ אֶתְכֶם. וְזֶהוּ ׳וִיהִי נֹעַם ה׳ עָלֵינוּ וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנָה עָלֵינוּ׳ - שֶׁיִּהְיֶה בְּכַוָּנָה הָרְצוּיָה לְשֵׁם שָׁמַיִם, וְאָז ׳וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנֵהוּ׳ - תִּשְׁרֶה הַשְּׁכִינָה עָלֶיהָ״. ריכטיג טאקע, דיין גאנצע פרנסה ווערט הייליג - דורכדעם וואס דו דארפסט באצאלן שכר לימוד פאר דיין זון וועלכער לערנט תורה, אבער טראכט דערפון און האב דאס אינזין! ווען דו גייסט ארויס צופרי צו דער ארבעט, גיב זיך א שטעל אפ און טראכט איין מינוט: ״פארוואס דארף איך געלט? כדי צו זיין א איד! כדי צו צאלן שכר לימוד און כדי צו געבן צדקה, וכדומה!״. און דעמאלט, וועט אויך די איבריגע געלט - וואס דו נוצט נישט פאר צרכי מצוה - באקומען א קדושה פון אויבן.

> כדי צו געבן ׳מעשר׳ צען פראצענט, מוז איך פארמאגן הונדערט פראצענט - זענען אלע הונדערט פראצענט הייליג פארן אויבערשטן! די גאנצע צוזאמען שאפן די ׳השראת השכינה׳

## תשרה שכינה - אויך אין אייערע אייגענע געשעפטן

דער ׳תפארת שלמה׳ איז מדייק אינעם נוסח הברכה וואס משה רבינו האט געבענטשט די וועלכע האבן געבויעט דעם משכן ״יהי רצון שתשרה שכינה במעשה ידיכם״, וואס דאס איז משמע, אז נישט בלויז אינעם משכן - וואס זיי האבן געבויעט - זאל די שכינה רוען, נאר אויך אין אלץ וואס זיי טוען סתם אזוי.

און אט איז זיין הייליג לשון: ״׳יְהִי רָצוֹן שֶׁתִּשְׁרֶה שְׁכִינָה בְּמַעֲשֵׂה יְדֵיכֶם׳ - לֹא עַל מְלֶאכֶת הַמִּשְׁכָּן לְבַד, כִּי גַּם עַל מַעֲשֵׂה יְדֵיכֶם אֲשֶׁר בְּבָתֵּיכֶם תִּשְׁרֶה הַשְּׁכִינָה וְהַבְּרָכָה, אַחֲרֵי אֲשֶׁר כְּבָר הֲרֵמֹתֶם אֶת תְּרוּמַת ה׳ לְנִדְבַת הַמִּשְׁכָּן, וּמֵעַתָּה תָּחוּל הַבְּרָכָה עַל הַנִּשְׁאָר לָכֶם. כִּי כֵן דֶּרֶךְ הַתְּרוּמָה, חִטָּה אַחַת פּוֹטֶרֶת כָּל הַכְּרִי וּבַעַל הַבַּיִת מִתְבָּרֵךְ עַל יָדָהּ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב ׳בְּחָנוּנִי נָא בָּזֹאת וְגוֹ׳ וַהֲרִיקֹתִי לָכֶם בְּרָכָה עַד בְּלִי דָי׳. וְזֶהוּ שֶׁכָּתוּב אַחַר הַפָּרָשַׁת הַמַּעַשְׂרוֹת ׳הַשְׁקִיפָה מִמְּעוֹן קָדְשְׁךָ וְגוֹ׳ וּבָרֵךְ אֶת עַמְּךָ׳, כִּי כְּשֶׁנּוֹתֵן חֵלֶק הַגָּבוֹהַּ תִּשְׁרֶה הַבְּרָכָה עַל הַנִּשְׁאָר מֵעַתָּה״. ווען א מענטש שיידט אפ מעשר, ברענגט דאס אראפ א ברכה - נישט בלויז אויפן ׳מעשר׳ - נאר אויך אויפן גאנצן שייער! דער גאנצער שייער ווערט געהייליגט און געבענטשט!

פארוואס טאקע? ווייל אויב כדי צו געבן ׳מעשר׳ צען פראצענט, מוז איך פארמאגן הונדערט פראצענט - זענען

## פון גשמיות צו א דערהויבענע קדושה

פונקט ווי ר׳ זאנוויל דארף רעדן מיט א האלבע שטאט, כדי ער זאל קענען אין צוויי שעה שאפן די סכומים פאר צדקה - אזוי אויך, יעדער איד דארף ארבעטן פאר פרנסה און פארדינען אסאך געלט בסייעתא דשמיא (אמן, כן יהי רצון), כדי ער זאל קענען מיט א חלק פון דער געלט טון מצוות, באצאלן שכר לימוד, אויסהאלטן די בני בית, געבן צדקה, קויפן מצות און ווין אויף פסח וכדומה. דעריבער, איז ער בעצם א גאנצן טאג אן ׳עסקן׳ און א ׳גבאי צדקה׳! און דא לערנט אונז דער ׳תפארת שלמה׳, אז מיט דעם ווערט די גאנצע פרנסה הייליג און די שכינה רוהט דערויף!

נאכמער: אין א געוויסן זין, ביים טון פאר פרנסה ווערט אראפגעברענגט

המשך אין עמוד ב

# לעבן מיט 'התחדשות'

## וואס איז 'שבת החודש', וואס מיינט עס פאר אונז? • וואס מיינט 'התחדשות', אנהייבן לערנען מיט א פרישקייט, אדער א דרך אין עבודת ה'?

**משפיע:** א גוטן, אברהם יצחק.

**אברהם יצחק:** א גוטן משפיע. ס'איז 'שבת החודש', וואס איז שייך צו זאגן דערויף?

**משפיע:** וואס מיינסטו צו פרעגן?

**אברהם יצחק:** כ'מיין צו זאגן, אז ס'זעט מיר נישט אויס אז ס'איז שייך זיך צו מתחבר זיין צו דעם שבת.

**משפיע:** פארוואס טראכסטו אזוי?

**אברהם יצחק:** ווייל ווען כ'האב פרובירט טראכטן אויף אלע ד' פרשיות, האב איך געזען אז די ערשטע דריי שבתים זענען א זכר צו עפעס וואס געשעט אין די צייט; אמאל פלעגט מען געבן די 'שקלים' פארן בית המקדש, און היינט מאכט מען א זכר דערצו. מ'מאכט א 'זכר' פון מחיית עמלק, וואס דאס איז א זאך וואס איז נוגע ביז למעשה, דערנאך האסטו 'פרה', וואס אין די צייט איז מען געווען פארנומען מיט די פרה אדומה, כדי זיך צו מטהר זיין צום פסח. אבער וואס פונקט איז 'שבת החודש'? וואס פועל'ט עס, וועלכע זאך איז עס מעורר?

> א מורא'דיגער דערהער! שבת החודש באקומט מען די ריכטיגע בליק אויף די וועלט, מ'באקומט דעמאלטס די אמונה!

**משפיע:** פרעגסט גוט, ווילסט פארשטיין די פנימיות פארוואס מ'ליינט די פרשה פון החודש. לאמיר קודם זען, פארוואס חז"ל האבן בכלל מתקן געווען עס צו ליינען. בפשטות איז דער טעם, ווייל פאר חודש ניסן, וואס איז די ערשטע חודש פון יאר, ליינט מען די פרשה ווי דער אויבערשטער זאגט פאר די אידן, אז זיי זאלן 'מחדש זיין די חדשים', און אז חודש ניסן איז 'די ראש פון אלע חדשים'. אין די פרשה שטייט אויך די מצוה פון קרבן פסח, וואס השי"ת האט געזאגט אין חודש ניסן פאר משה רבינו, און דאס איז געווען כלל ישראל'ס הכנה צו די גאולה פון מצרים.

**אברהם יצחק:** אבער זיכער האט די פרשה עפעס א שייכות מיט אונז?

**משפיע:** אוודאי! ס'איז גוט אז דו טראכסט, און ביסט גערעכט אז דער שבת איז אביסל שווערער ווי די אנדערע שבתים, ווייל ס'איז נישטא עפעס א למעשה'דיגע זאך וואס מ'פלעגט טון אמאל שבת החודש וואס זאל נתעורר ווערן יעצט דורך די קריאה. אבער טאקע דערפאר, דארף מען זען וואס די ספרי תלמידי הבעש"ט זענען מבאר אין די ענין פון 'חודש', און וואס 'קידוש החודש' מיינט פאר אונז. און ממילא אויך וואס איז אונזער עבודה פון 'חודש'.

**אברהם יצחק:** דער אמת איז, אז רוב פון די פרשה רעדט נישט פון קידוש החודש; ס'רעדט בעיקר אויפן קרבן פסח און חמץ ומצה?

**משפיע:** ריכטיג, אבער ס'הייסט נאך אלץ 'פרשת החודש', און דער שבת הייסט 'שבת החודש'. ס'מוז זיין אז דער עיקר נקודה איז, די ענין פון 'חודש', און פון דעם קומט ארויס פסח און גאולת מצרים. דאס מיינט אז ווען מיר וועלן ריכטיג פארשטיין וואס איז דאס 'החודש' וועלן מיר בעסער ארויסהאבן אויך פסח און גאולה.

## גלייבן אין 'חידוש העולם'

**אברהם יצחק:** איז לאמיר שוין הערן, וואס איז 'שבת החודש'?

**משפיע:** די ספרים זענען מבאר, אז 'חודש' איז א ענין פון 'התחדשות'. מיר באקומען אין דעם שבת א כח פון 'התחדשות', וואס דאס איז איינס פון די יסודות פון א איד. מיר זעען פון די פרשה, אז די גאנצע גאולה פון מצרים איז געקומען פון אט די התחדשות, וואס דאס איז געווען זייער ערשטע מצוה. אויב אזוי מוז זיין, אז דאס איז די עיקר נקודה פון כלל ישראל.

**אברהם יצחק:** וואס מיינט 'התחדשות'?

**משפיע:** לאמיר צוטיילן די ענין פון 'התחדשות' אויף צוויי. איינס, די שטענדיגע התחדשות אין די בריאה, וואס אין דעם, דארף מען 'גלייבן' און זיך 'מתחבר' זיין דערצו. צווייטנס, די 'עבודה' פון התחדשות; נעמליך, אז אונזער תורה און מצוות זאלן זיין מיט א התחדשות.

**אברהם יצחק:** כ'האב נאר פארשטאנען די צווייטע נקודה. מ'הערט כסדר ביי די דרשות, אז מ'דארף לערנען מיט א פרישקייט און התחדשות, מ'קומט כסדר אויף מיט א נייע 'מבצע' צי וואס...

**משפיע:** דארפסט פארשטיין, אז התחדשות ווענדט זיך נישט נאר אין 'מבצעים' און נייע פראיעקטן, נאר ס'איז דא א סארט עבודה וואס ווערט געטון מיט 'התחדשות'. יעדער עובד ה', דארף האבן די סארט 'דרך עבודה'! און די 'עבודה', דארף מען בויען אויף די ערשטע נקודה וואס כ'האב דיר געזאגט; אז מ'כאפט אז די גאנצע בריאה ווערט יעדע סעקונדע נתחדש פונדאסניי.

**אברהם יצחק:** כ'האב נישט פארשטאנען. התחדשות איז א סארט 'עבודה'? כ'זעה אז איך האב אויך נישט פארשטאנען די צווייטע נקודה...

**משפיע:** ס'איז זייער פשוט. צוערשט דארף מען כאפן, אז השי"ת איז מחדש די בריאה יעדע סעקונדע! די בריאה איז נישט קיין קביעות'דיגע זאך, וואס איז איינמאל באשאפן געווארן און זייט דעמאלטס האלט זיך עס, נאר יעדע סעקונדע ווערט עס פריש באשאפן! ס'איז איינס פון די יסודות אין אידישקייט, און איז אייגנטליך די יסוד פון א אידנ'ס אמונה.

אט די אמונה האבן מיר באקומען בשעת יציאת מצרים, און אלע מצוות פון פסח זענען געבויעט דערויף. מיר האבן פריער געזאגט, אז דערפאר ווערן די מצוות פון קרבן פסח און חמץ ומצה דערמאנט אין 'פרשת החודש', ווייל אלעס איז געבויעט אויף די אמונה וואס מיר האבן באקומען ביי יציאת מצרים. די אמונה אז וואס? אז די וועלט איז נישט קיין 'מציאות קיימת', נאר ס'ווערט נאכאנאנד נתחדש פונדאסניי.

**אברהם יצחק:** אין אנדערע ווערטער, די אמונה אז השי"ת האט באשאפן די וועלט... יעדער איד גלייבט דאס; וואס, די וועלט האט זיך אליינס באשאפן?! אוודאי האט עס דער אויבערשטער באשאפן און ער פירט עס כסדר, וואס לייגט 'התחדשות' צו?

**משפיע:** ווען א איד גלייבט אין 'התחדשות הבריאה', זאגט ער אין אנדערע ווערטער, אז ס'איז בכלל נישטא קיין מציאות פון 'טבע'! אלעס וואס ס'איז דא, עקזיסטירט נאר ווייל דער אויבערשטער איז עס מחיה יעדע איינציגע סעקונדע! ס'איז דא אמאל ווען א מענטש געפינט זיך אין די וועלט, און ער זעט פאר זיך א גאנצע מציאות פון 'טבע', ס'איז דא כללים און סדר וויאזוי די וועלט לויפט, ס'איז "עולם כמנהגו נוהג". אוודאי ווייסט ער אז השי"ת האט אלעס באשאפן, ער ווייסט אז ס'איז נישט געווארן פון זיך אליינס, אבער ס'זעט אים אויס אז דער אויבערשטער האט איינגעשטעלט א געוויסע 'סדר הבריאה', און אלעס פארט לויט דעם סדר. אבער אין אמת'ן איז דאס א גרויסע טעות! ממש פארקערט פון אמונה! א איד דארף גלייבן אז די בריאה ווערט יעדע סעקונדע באנייט פונדאסניי, אזויווי מיר זאגן "המחדש בטובו בכל יום תמיד מעשה בראשית". נישט איינמאל א טאג, נאר די גאנצע צייט!

**אברהם יצחק:** אהא, און דאס איז די ערשטע נקודה, אז די "וועלט עקזיסטירט מיט התחדשות", און אז "מ'דארף גלייבן" דערין. פיין, אבער וואס האט דאס מיט 'שבת החודש'; נאר ווייל 'חודש' איז אזויווי 'התחדשות'?

## אמונה - מיר באשליסן די 'צייט' פון די וועלט!

**משפיע:** ניין, נאר ווייל דאס איז די טייטש פון דאס

## חסיד'יש גערעדט / המשך

המשך פון עמוד א

מער אור ווי ביי אנדערע מצוות, ווייל למשל ביים שאקלען לולב - קומט אראפ אן אור בלויז אויפן לולב, אבער ביים ארבעטן פאר פרנסה - קומט אראפ אן אור אויף די גאנצע געלט! "שתשרה שכינה במעשה ידיכם" - אפגעזען צי דאס איז אליינס צדקה, צי דאס איז די איבערגעבליבענע נאכן אפשיידן צדקה.

דא קומט פאר א חסיד'ישע רעוואלוציע... מען נעמט אלע וואכנדיגע זאכן, און מען קוקט עס אָן אנדערש. אלעס באקומט אן אנדערע באדייט. געווענליך, ווען א מענטש האנדלט און וואנדלט, שפירט ער זיך ווייט און פרעמד פונעם אויבערשטן, ער שפירט זיך איינגעזונקען אין א וועלט פון ביזנעס און תאות ממון, אבער אויפאיינמאל ווערט ער געוואויר: "ניין! איך בין יעצט עוסק אראפצוברענגען די שכינה אויף דער וועלט! פונקט ווי עס וועט רוען א קדושה אויף דער 'מעשר' וואס איך וועל געבן פון מיינע פארדינסטן - אזוי וועט אויך רוען א קדושה אויף דאס גאנצע געלט! איך ארבעט טאקע פאר געלט, אבער דאס געלט ארבעט פארן אויבערשטן! דאס געלט וועט מיר ברענגען נענטער צום אויבערשטן! קומט אויס, איך ארבעט פארן אויבערשטן!". איין זאך וואס עס פאדערט זיך פונעם מענטש: געדענקען און טראכטן דערפון.

ווארט 'חודש'! וואס מיינט א 'חודש'? פשט איז, אז יעדע דרייסיג טעג הייבט די לבנה אן צוריק ארומצורינגלען די וועלט, און זי באקומט יעדע חודש א נייע 'אור', און אויף דעם ארויף ווערן די דרייסיג טעג אנגערופן 'חודש', ווייל די ליכטיגקייט פון די לבנה ווערט צוריק 'נתחדש'.

ווען השי"ת האט אונז דערוועלט אלס זיין פאלק, איז זיין ערשטע מצוה געווען 'קידוש החודש'. דערביי האט ער אונז אנגעוויזן, אז מיר דארפן אויסשטעלן אונזערע זמנים לויט די גאנג פון די לבנה, וואס דאס ווערט אנגערופן אין חז"ל "ישראל מונים ללבנה". פשט דערפון איז, אז מיר דארפן לעבן לויט די 'התחדשות' פון די בריאה, וואס מיינט, כסדר געדענקען אז די וועלט ווערט באנייט יעדע סעקונדע פונדאסניי. די לבנה איז די איינציגסטע בריאה, וואס איר גאנצע מציאות איז 'התחדשות', און פון דעם לערנען מיר וויאזוי מ'דארף זיך באמת באציען צו די וועלט. אפילו ווען ס'זעט אויס 'עולם כמנהגו נוהג', ס'איז דא א סדר און טבע לויט וואס די וועלט לויפט, ציילן די אידן לויט די לבנה, ווייל זיי גלייבן אז די וועלט האט נישט קיין טבע, און אלעס ווערט כסדר צוריק נתחדש.

**אברהם יצחק:** וואס האט דאס מיט יציאת מצרים?

**משפיע:** די גאנצע מושג פון 'מצרים' איז, אז זיי האבן געגלייבט אין 'טבע'! זיי האבן געמיינט אז ס'זענען דא 'מזלות' וואס פירן די וועלט, און כאטש זיי האבן געוואוסט אז השי"ת האט באשאפן די וועלט, האבן זיי געמיינט אז ער האט איבערגעגעבן די כוחות הטבע פון די בריאה פאר די מזלות, וואס מיינט אין אנדערע ווערטער, אז די וועלט איז אן אלטע בריאה, וואס דרייט זיך שוין טויזנטער יאר לויט א געוויסע סיסטעם. דעריבער האבן זיי געדינט 'טלה', וועלכע איז די 'ראש המזלות', זייענדיג די ערשטע מזל פון די י"ב מזלות. מיט דעם האבן זיי זיך אליינס מבטל געווען צו די מציאות פון 'טבע'. אבער ווען השי"ת האט אונז ארויסגענומען פון מצרים, איז טיף אריין אין אונז די קלארע אמונה, אז טבע און מזלות פאר זיך האבן נישט קיין שום מציאות, נאר אלעס ווערט געפירט און באלעבט יעדע איינציגע סעקונדע, דורכ'ן איין-איינציגער באשעפער!

דאס איז די געדאנק פון 'קידוש החודש'. די מושג אז השי"ת לאזט די אידן אליינס באשטימען וויאזוי די וועלט זאל זיך פירן, איז א מורא'דיגע חידוש. אויסערליך זעט עס אויס מאדנע; וואס האט דאס מיט די אידן? לכאורה, די מושג פון 'צייט' ארבעט און פארט פון זיך אליינס, אפגעזען אויב בית דין איז מחליט צו מקדש זיין די חודש צי נישט? נאר וואס: דא ליגט די יסוד, אז די אידן פירן די וועלט! אפילו די 'זמן' פון די וועלט, איז אין זייערע הענט. וויאזוי קען דאס זיין? נאר מיט די אמונה אז השי"ת איז 'מחדש בכל יום תמיד מעשה בראשית', און אט די 'התחדשות' האט השי"ת געגעבן פאר די אידן, נעמליך, אז די בריאה זאל באקומען איר חיות אלקית דורך זייער עבודה.

**אברהם יצחק:** א מורא'דיגער דערהער! שבת החודש באקומט מען די ריכטיגע בליק אויף די וועלט, מ'באקומט דעמאלטס די אמונה!

**משפיע:** ריכטיג. דאס איז די ערשטע נקודה וואס כ'האב פריער דערמאנט. די בריאה ווערט כסדר נתחדש, און מיר דארפן גלייבן דערין. אבער אלס תוצאה דערפון, קומט אריין די צווייטע נקודה; אז מ'הייבט יעדן טאג אן צו דינען דעם אויבערשטן מיט א פרישקייט! ס'איז אינגאנצן אן אנדערע סארט עבודה, וואס האט גארנישט מיט 'מבצעים', נאר די פשוט'ע עבודה וואס מ'טוט יעדן טאג - ווערט געטון אויף א צורה פון 'התחדשות'. לאו דוקא א 'מצב' פון התחדשות, נאר אן אינערליכע התחדשות.

**אברהם יצחק:** אה, דאס איז די צווייטע נקודה. אבער נאכאמאל; וואס מיינט 'אינערליכע התחדשות', און וואס האט עס מיטן גלייבן אין חידוש העולם?

**משפיע:** יעצט קומען מיר אן צו אונזער נקודת עבודה פון שבת החודש. ווען א מענטש כאפט אז השי"ת איז יעדע רגע מחדש די בריאה, פארשטייט ער אז יעדע רגע האט זיך א נייע עבודה. ער שפירט בחוש, ווי יעדע מצוה און יעדע ווארט תורה, איז אינגאנצן א נייע זאך וואס איז נאך קיינמאל נישט געווען פריער! ס'קען זיין אז ער האט נעכטן אנגעטון תפילין, אבער יעצט, וויבאלד השי"ת איז כסדר מחדש די וועלט, און די גאנצע סיבה פארוואס ער טוט דאס, איז כדי דער איד זאל אים מאכן א נחת רוח, קומט אויס אז מיר האבן א נייע וועלט און א נייער מענטש! ווען מ'דינט דעם אויבערשטן מיט אזא דערהער, איז די עבודה מיט אן א שיעור חיות און התלהבות. קוק אין 'דגל מחנה אפרים' אנהייב פרשת עקב בשם דער בעש"ט, און וועסט זען וויאזוי ער שמועסט אויס די נקודה. ס'וואלט געווען א ריכטיגע הכנה צו שבת החודש.

**אברהם יצחק:** הייסט אז די נקודה אויף למעשה איז, דינען דעם אויבערשטן מיט התחדשות, און אז דאס ווענדט זיך אין די אמונה אין התחדשות הבריאה.

**משפיע:** יא. קענסט זיך אליינס איבערצייגן, אז ווען דו לערנט און דאווענסט און טוסט אלץ וואס מ'דארף, אבער נאר ווייל דו טוסט אלעמאל אזוי, גייט מען צו צום לייגן תפילין ווי עפעס וואס מ'האט שוין געטון טויזנט מאל, און יעצט נאכאמאל... נאך א טאג, נאכאמאל עפענען די גמרא, דאווענען... נאכאמאל שבת, נאכאמאל פסח, ס'איז שוין געווען אסאך מאל, און יעצט נאכאמאל... אבער די אמת'ע וועג וויאזוי מ'דארף עס טון, איז מיט די יסוד האמונה פון חידוש הבריאה, אז יעדע רגע איז דא א נייע וועלט, אויב אזוי איז יעדע רגע דא א נייע תענוג פון אויבערשטן! יעדע מצוה, יעדע גוטע זאך איז עפעס וואס איז נאך קיינמאל נישט געווען, און דעמאלטס ווערט עס געטון מיט א לעבעדיגקייט און התחדשות!

**אברהם יצחק:** יישר כח! זאלן מיר זוכה זיין זיך צו מחדש זיין אין עבודת ה'!

**משפיע:** אמן.

## פונקען / קורצע יסודות פון תלמידי הבעש"ט זי"ע

**קומט מען זיך צוזאם - דער ערשטער שמועס זאל זיין פון שמחה, אן דעם איז גארנישט ווערד.**

**הרה"ק רבינו הזקן זי"ע (אגרות שומר אמונים, כט)**



# אויסגעפירט מיט חוצפה

רבי פנחס דוד האט געשפירט אז ער האלט עס נישט אויס. ער האט זיך געבענקט, אויסגעקוקט און געגארט ארויפצוגיין קיין ארץ ישראל, איבערהויפט נאכן זיך דערוואוסן אז אויך זיין הייליגער רבי, פלאנט אהינצופארן.

פון ווי שאפט מען געלט דערפאר? דאס איז א שאלה וואס האט נישט צופיל אינטערעסירט רבי פנחס דוד וועבערמאן זצ"ל. צוערשט וועט ער ארויפפארן צו די הייליגע לאנד, און פון דארט וועט ער זיך אומקוקן צו זען, וויאזוי ער קען ארויפברענגען זיין בני בית און פיר קינדער. אבער פאר אלעס; האט ער געוואלט זיין אין ארץ ישראל.

אומר ועושה. ר' פנחס דוד האט געכאפט א וואגן קיין קאנסטאנצע, פון וואו די לעצטע שיפן האבן פארלאזט אייראפע, אויפן וועג צו ארץ הקודש. ר' פנחס דוד האט געוויילט אפאר חדשים אין קאנסטאנצע, און דורכאויס זייןווארטן, האט ער זיך געגרייט בהכנה דרבה צו די הייליגע רייזע.

ער האט זיך אויסגע'משל'ט אין קאפ, די ווארעמע צוזאמטרעף וואס ער גייט האבן מיט די תלמידים פון אלטן רבי'ן (בעל 'שומר אמונים') וואס האבן געוואוינט אין ירושלים, ער האט זיך פארגעשטעלט די הייסע תפילות, די הערצליכע שמועסן מיט די חברים, און פארשטייט זיך, די קבלת פנים וואס מ'וועט אפרעכטן פארן אלטן רבי'ן זי"ע, ווי נאר ער וועט אנקומען צום בארטן.

אבער ס'איז געבליבן ביי די מחשבות. קיין איין שיף האט דעמאלטס נישט געהאט אין פלאן צו פארן קיין ארץ ישראל.

דערווייל האט זיך דערנענטערט די צייט, ווען דעם רבינ'ס איינציגסטע טאכטער, האט געדארפט גיין אונטער די חופה מיט איר הייליגער מאן, דער רבי דער בעל 'דברי אמונה' זי"ע.

מיט א שווער הארץ, האט ר' פנחס דוד צוריקגעמאכט זיין וועג קיין הוניאד, ווי ס'איז פארגעקומען די גרויסע שמחת החתונה. אייגנטליך, האט ער געהאפט צו לייגען דערוועגן אין א בריוו, שוין וואוינענדיג אין ירושלים עיה"ק, אבער דערווייל, איז ער פארשטעקט דא אין אייראפע.

די גרויסע חתונה איז פארגעקומען אין הוניאד, ערב שבת קודש י' אלול, תרצ"ט.

די שמחה איז געווען עד אין לשער. ר' פנחס דוד איז צוגעגאנגען צום רבי'ן זיך ווואונטשן 'לחיים', און דער רבי האט גלייך באמערקט א פארזויערטקייט אויף ר' פנחס דוד'ס פנים.

דער רבי האט אנגעכאפט ר' פנחס דוד'ס האנט, און אים געפרעגט וואס ליגט אים אויפן הארץ. ר' פנחס דוד האט אויסגעפלאצט אין א געוויין: "שוין אפאר חדשים וואס כ'ווארט אויף א שיף אין קאנסטאנצע, ארויסצופארן קיין ארץ ישראל. אבער דערווייל, פארט נישט קיין איין שיף..."

"נו, פנחס דוד, זעסטו דאך אז מן השמים וויל מען נישט אז דו זאלסט פארן קיין ארץ ישראל", האט אים דער רבי געענטפערט.

ר' פנחס דוד האט זיך געמאכט א שנעלער חשבון. ער האט געטראכט צו זיך: 'דער רבי לערנט אונז כסדר אויס, אז איינס פון די יסודות אין עבודת ה' איז, אז טראץ די גרויסע הסתרה וואס איז היינט דא אין די וועלט, איז פארט דא אן עבודה פון 'חוצפא יסגי'. ווען א מענטש עקשנ'ט זיך איין, קען ער צעברעכן אלע פארשלאסענע טירן, און אפילו ווען אין הימל האלט מען אז ער איז נישט ראוי דערפאר, אבער מיטן כח פון מסירת נפש, קען ער זוכה זיין אויסצופירן זיין ווילן און אוועקנעמען אלע מְסָכִים'.

'טאקע די עבודה פון חוצפא יסגי, איז נאר ווען דער מענטש געפינט זיך טאקע אין א מצב, אז ער איז גרייט צו באש ובמים צו זיין ציל', האט ר' פנחס דוד ווייטער געטראכט, 'אבער איך, קוק דאך אזוי שטארק אויס דערצו. דער רבי וועט מיר זיכער קענען פועל'ן א ישועה'.

ר' פנחס דוד האט זיך אנגעגארטלט מיט קורזאש. ער הייבט אויף זיינע אויגן צום רבי'ן: "אבער די הייליגע חז"ל לערנען אונז, אז "חוצפה כלפי שמיא מהני", און כ'וויל אזוי שטארק פארן קיין ארץ ישראל...!"

ווען דער רבי האט געזען ווי ערנסט ר' פנחס דוד איז מיט זיין באשלוס, האט ער זיך אנגערופן: "דער אויבערשטער וועט העלפן, אז דער חוצפה'ניאק וועט אנקומען קיין ארץ ישראל..."

דער רבי האט אים בייגעלייגט א קלייןביינדל פון אן עוף, וואס האט אויסגעזען ענליך צו א שיף: "נאדיר א שיף צו פארן קיין ארץ ישראל".

איבריג צו זאגן, אז ר' פנחס דוד האט זוכה געווען צו עולה זיין צו דאס הייליג לאנד, גלייך נאך די הייליגע טעג פון שנת ת"ש.

מקור: הרה"ח ר' מרדכי בלום שליט"א ששמע מרבי פינחס דוד ז"ל.

# די עבודה פון חודש 'ניסן'

## חודש ניסן פאר זיך האט א געוואלדיגע קדושה, אויסער די קדושה פון יו"ט פסח: וואס? וויאזוי?

## שאלה:

חסידים האבן אסאך געקאכט אין די קדושה פון דעם עצם 'חודש ניסן', אז דער גאנצער חודש איז עפעס דערהויבן און טייער. וואס איז פשט דערפון? וואס איז די פנימיות פון דעם חודש, און וואס איז עס אין מיין עבודה?

## תשובה:

### וואס 'וויל' דער אייבערשטער? כלל ישראל

יעדער קען די מחלוקת אין חז"ל, אויב "בתשרי נברא העולם", אדער "בניסן נברא העולם". דער אר"י הקדוש איז מכריע, אז 'אלו ואלו דברי אלקים חיים', און אז תשרי ווערט באשאפן די 'חיצוניות העולמות', און אום ניסן ווערט באשאפן די 'פנימיות העולמות' (אין ספה"ק ווערט צוגעשטעלט די ווערטער פון תוספות, וואס זאגט אז די וועלט איז באשאפן געווארן תשרי 'במחשבה', און אום ניסן 'במעשה'. וואס איז לכאורה פארקערט ווי געברענגט פון אריה"ק, ואכמלה"ב).

**וואס מיינט 'פנימיות העולמות' און 'חיצוניות העולמות'?** ווען א מענטש וויל עפענען א געשעפט, האט ער א אינערליכע רצון און א אויסערליכע רצון. די רצון פנימי איז, צו מאכן געלט (דער אמת איז, אז די גאר טיפע, אמת'ע רצון און תכלית פון אלעס וואס א מענטש טוט, איז כדי צו דערגרייכן תענוג. אבער אצינד באציען מיר זיך צו די פארשידענע רצונות וואס ארבעטן אין אים ביים אויפשטעלן דאס געשעפט), אבער כדי אנצוקומען צו זיין ענדגילטיגע ציל - די רצון פנימי, האט ער אויך פארשידענע רצונות חיצוניים. ער קען נישט גיין גלייך צו די געלט אליינס... ער דארף בויען א גאנצע געשעפט מיט טויזנטער פארשידנארטיגע, אינטערעסאנטע דעטאלן וואס וועלן צוציען קונים, ווען אין אמת'ן אריין, איז דאס בכלל נישט זיין עיקר 'פנימיות'דיגע' רצון, נאר זיין רצון חיצוני. די אלע רצונות זענען בעצם א טפל און 'צוליב' צו צושטאנד ברענגען זיין רצון הפנימי.

**אלזא, לאמיר פארשטיין, וואס איז דעם אויבערשטנ'ס רצון הפנימי?** די תשובה איז קלאר: כלל ישראל. די גאנצע תכלית הבריאה איז, אז השי"ת זאל האבן א 'דירה בתחתונים'. און ווער איז די דירה? נשמות ישראל אין עולם הזה, וואס זענען דבוק אין אויבערשטן און אנערקענען זיין אלקות. אלע עולמות און אלע דעטאלן דערין, זענען נאר 'כדי' נשמות ישראל זאלן קענען מאכן א דירה בתחתונים פארן אויבערשטן.

אייגנטליך, **פנימיות העולמות** - וואס מיינט די 'תכלית' אויף וואס אלעס איז באשאפן געווארן, וואס דאס זענען די נשמות ישראל וואס זענען משיג און גלייבן אין אלקותו ית' - איז באשאפן געווארן אום חודש ניסן. מ'דארף נישט ברענגען קיין סאך ראיות דערצו, ווייל ס'איז קלאר ערקלערט אין גאנץ חומש שמות. ווען איז 'כלל ישראל' נוצר געווארן? חודש ניסן, מיט א מהלך וואס איז אנגעגאנגען ביז שבועות - אזויווי ס'שטייט קלארע פסוקים, אז די מטרה פון יציאת מצרים איז געווען מתן תורה - וואס דעמאלטס, ווען ס'איז געווען 'פרחה נשמתם', האבן די אידן זוכה געווען צו א מורא'דיגע דביקות אין אויבערשטן, און זיי האבן געזען אז ער איז דער יחיד ומיוחד אין אלע עולמות. דערביי, איז אויסגעפירט געווארן דעם אויבערשטנ'ס 'רצון פנימי' פארוואס ער האט באשאפן די וועלט. און דאס פאסירט חודש ניסן (און ציעט זיך ווייטער ביז חודש סיון).

אזוי אויך די 'הקמת המשכן' איז געווען חודש ניסן, א יאר דערויף. חז"ל זאגן אונז, אז אין טאג פון הקמת המשכן, איז געווען אזא שמחה פארן אויבערשטן, "כיום שנבראו שמים וארץ". די סיבה דערצו איז פשוט, ווייל דעמאלטס איז נשלם געווארן די פנימיות העולמות, ווייל דאן האבן די אידן אריינגעברענגט השראת השכינה ביז אינעם עולם התחתון, און די וועלט איז אנגעקומען צו א מצב פון דביקות צווישן 'עליון' מיט 'תחתון'. די משכן האט מגלה געווען 'פנימיות העולמות', אין די בחינה פון 'עולם', אין 'פלאץ' פון די וועלט. דארט איז געווען די איינציגסטע פלאץ ווי השי"ת האט זיך מגלה געווען פאר די אידן, ער האט דארט מגלה געווען זיין רצון פנימי.

דאקעגן אום חודש תשרי, איז באשאפן געווארן **חיצוניות העולמות**, וואס דאס מיינט, די גאנצע מציאות פון אלע עולמות און נבראים בלי שיעור ומספר, סיי די רוחניות'דיגע און סיי די גשמיות'דיגע, וואס אלעס איז באשאפן געווארן בלויז כדי צו באדינען די ציל און תכלית. אזוי ארום קומט אויס, אז דער גאנצער יום הדין פון ראש השנה, איז אלעס אויף חיצוניות העולמות; אויב ס'זאל ווייטער עקזעסטירן דער עולם החיצוני כדי צו באדינען דעם עולם הפנימי - וואס איז כלל ישראל, מיט זייער התקשרות צום אויבערשטן. חודש תשרי איז מען דן אויפן גאנצן 'ארום' וואס וועט צוהעלפן און דינען פאר די פנימיות'דיגע התקשרות, אבער די עצם התקשרות פנימית, ווערט געטון און באשטימט דווקא פון ניסן ביז סיון.

### דער ראש השנה פון 'ניסן' - פול מיט אהבה ורחמים

**אין אנדערע ווערטער**, חודש ניסן ווערט באשטימט די רצון און אהבה צו כלל ישראל. דער אויבערשטער איז דעמאלטס מגלה זיין רצון צו אידן, און די אידן זענען דעמאלטס מגלה זייער רצון צום אויבערשטן. דאקעגן אין חודש תשרי, ברענגט זיך נישט דוקא ארויס קיין רצון און אהבה, ווייל די שאלה דעמאלטס איז נאר כלפי די חלק החיצוני, אויב ס'טוט טאקע באדינען די פנימיות צי נישט, אבער די פנימיות אליינס ברענגט זיך נאכנישט דעמאלטס ארויס.

לאמיר צוריקגיין צום משל מיטן געשעפט, וואס צומאל ציילט ער שוין דאס געלט אליינס, און צומאל איז ער נאר פארנומען מיט די חיצוניות'דיגע חלקים, און ער מאכט זיכער צו זען אויב זיי ברענגען אים טאקע אריין גענוג געלט. מ'דארף נישט זיין קיין חכם צו פארשטיין, אז ווען ער באנעמט זיך מיט די אלע חיצוניות'דיגע פרטים, ערוועקן זיך נישט קיין געפילן פון שמחה און רצון ביי אים. וואס דאס איז נאר ווען ער איז פארנומען מיט די געלט אליינס...

דאס איז די סיבה פארוואס חודש ניסן איז א חודש פון חסד (וואס דרך אגב, אט די רוחניות'דיגע דערהער זעט זיך אן ביז בגשמיות, אין די אומצאליגע 'קמחא דפסחא'ס און 'מעות חיטים' וועלכע גיסן זיך אין די טעג אויף א מורא'דיגן פארנעם), און חודש תשרי איז א חודש פון גבורה. ס'איז א דבר פשוט, אז די פנימיות העולמות איז פארבונדן מיט אהבה און רצון, און דאקעגן, די חיצוניות געהערט צו גבורה און דין. מ'ווערט דארט געשטעלט צום דין און ס'קומט פאר א שטרענגע משפט, כדי צו קלאר מאכן דאס בילד ביז די לעצטע פיטשיוועקס. אבער ווען מ'רעדט פון רצון פנימי, קוקט דער 'דין' אויס אינגאנצן אנדערש. ס'איז פיל מיט שמחה און הארת פנים.

דעריבער, איז ראש חודש ניסן "ראש השנה למלכי ישראל", ווייל דעמאלטס ווערט באשטימט די הנהגה פון כלל ישראל. ווי געזאגט; אום חודש תשרי ווערט באשטימט די 'הנהגה כללית' פון די וועלט, אבער חודש ניסן איז די צייט, ווען ס'ווערט באשטימט די הנהגה פון כלל ישראל, מיט אזויפיל אהבה ורצון. און אזויווי ס'ווערט געברענגט פון הייליגן בעש"ט זי"ע, אז אין יעדע פון די ערשטע צוועלף טעג פון חודש ניסן, ווערט אויפגענומען א מלאך וואס וועט זיין דער ממונה אויף די גאנצע חודש פון די נאכפאלגנדע י"ב חדשים, און ער וועט משפיע זיין די השפעה און הנהגה פון כלל ישראל אין דעם חודש (ווי אויך ווערט געברענגט פון הייליגן 'בני יששכר' זי"ע (אגרא דכלה, פקודי), אז זיין רבי, דער הייליגער רבי פון לובלין זי"ע פלעגט זאגן יעדן טאג פון די ערשטע י"ב ימים פון ניסן, אלעס וואס גייט געשען דורכאויס די חודש פון די באטרעפנדע טאג). און דער הייליגער קאזשניצער מגיד זי"ע דערציילט (עבודת ישראל, שבועות), אז דער בעש"ט האט איינמאל געטוישט דעם ממונה, אז עס זאל זיין מער לטובת די אידן...

### איך וויל באמת!

למעשה, קומט ארויס פון אלעס וואס מיר האבן גערעדט, אז חודש ניסן איז א חודש פון: **א.** א נייע 'יצירה', ווען די פנימיות פון נשמות ישראל ווערט צוריק נתחדש. **ב.** א גילוי פון חסד, אהבה און רצון, אזויווי פריער געשמועסט. ס'איז א צייט וואס יעדער איינער קען זיך באנייען, מחדש זיין זיין נשמה, וויאזוי? דורכ'ן מגלה זיין רצון הפנימי צום אויבערשטן, ווייל דעמאלטס ווערט נתעורר דעם אויבערשטנ'ס רצון הפנימי צו אים.

ווי דער הייליגער קאזשניצער מגיד זי"ע שרייבט, אז כ"ה אדר פלעגט מען מאנע 'בכפיה' די שקלי הקודש, "ממשכנין על השקלים", און דאס ווארט 'ממשכנין' איז פון לשון 'משכן', ווייל כ"ה אדר הייבט זיך שוין אן די השראת השכינה ביי כלל ישראל (וויבאלד די פנימיות הבריאה. בריאה הייבט זיך שוין אן פון כ"ה אדר, פונקט ווי ס'הייבט זיך אן אום כ"ה אלול). און ער איז מסביר, פארוואס האט אויסגעפעלט 'בכפיה'? לויט די ווערטער פון רמב"ם, אז ביי כמה מצוות קען מען אפילו כופה זיין א איד ביז ער זאגט "רוצה אני". ווייל באמת אין הארצן וויל ער, פשוט די 'שאור שבעיסה' לאזט אים נישט. די זעלבע איז אום כ"ה אדר, ווען ס'ווערט נתגלה די קשר פנימי צווישן קודשא בריך היא מיטן כלל ישראל, ס'הייבט זיך אן די 'לידה' פון כלל ישראל, און דעריבער איז מען זוכה צו די משכן אפילו בכפיה, ווייל די נשמה הייבט יעצט אן זאגן "רוצה אני".

די אמת'ע עבודה פון די נשמה איז יעצט, צו ווערן א נייע נשמה, וואס מיינט, חזר'ן צו זיך די רצון פנימי וואס ישראל האט לאביהם שבשמים. חזר'ן צו זיך איינמאל און נאכאמאל די רצון פנימי פון "רצוננו לעשות רצונך", ער וויל אונז באמת און מיר ווילן אים באמת, און מיר קוקן ארויס אז ס'זאל נתגלה ווערן בפועל ממש אין יציאת מצרים און הקמת המשכן, וואס די אלע דריקן אויס דעם רצון פנימי אז מיר ווילן זיין מחובר צום אויבערשטן.

ס'איז טאקע א צייט, ווען אידן העלפן אין שטוב, אבער מ'קען צולייגן מחשבות אויף חודש ניסן צו די ארבעט, טראכטן פון מציאות ה', אז ער איז א יחיד ואין יחידות כמוהו, און אז ער וויל די אידן און ער האט אלעס באשאפן נאר פאר די אידן, און אז ווען נישט דעם וואלט מער נישט געווען קיין וועלט. ס'איז א צייט, ווען מ'באקט איין אין זיך די ברענענדיגע פסוק "ישמח ישראל בעושיו בני ציון יגילו במלכם, כי רוצה ה' בעמו יפאר ענוים בישועה".

און ווער ס'האט נישט קיין אייגענע מחשבות, וואלט געווען כדאי צו נעמען אפאר מאמרי חז"ל און אפאר פסוקים אין תהלים, און זיך מתבונן זיין אין זיי, און ער וועט דארט טרעפן די נקודה הפנימית פון חודש ניסן. פארשטייט זיך, מ'דארף אויך צולייגן א קאפיטל ביים דאווענען דערצו, אדער אפאר מינוט ווען מ'גייט אין גאס, און דערנאך אריינברענגען די התבוננות אין די למעשה'דיגע עבודה פון הכנה צום יו"ט.

**מיט גרויס הצלחה און סייעתא דשמיא!**

אידישער הערצער ווארטן אויף אביסל ליכטיגקייט אין עבודת השי"ת, אבער מ'ווארט אויף אייער שותפות
צו מנדב זיין א מאמר/אפטיילונג, אדער הפצה ביי אייך אין ביהמ"ד, אזוי אויך אויף אלע פרטים איבערן גליון
רופט אין מאנסי: 347.452.3118 אין וויליאמסבורג: 347.768.3577 אין בארא פארק: 347.520.8743
אימעיל DD0722531385@gmail.com | תורם צו זיין אויטאמאטיש: 347-428-6483